# איצט איז די צײַט

צי דאַרף איך דעם שוידער
וואָס האָט געקאָנט זײַן
אין בילדער אויסמאָלן?
צי דאַרף מען דיך וועקן
און רופֿן צום קאַמף?
מען דאַרף דיך ניט דערמאָנען
ס׳איז אַ חובֿ, דו מוזט צאָלן
דעם מענטשלעכן וועזן
דײַן היים און דײַן לאַנד.

זע דײַנע זין
ערשט פֿון דער שולע
דאַכט זיך, געשפּאַנט
מיט די ביכלעך אין האַנט.
איצט האַלטן זיי ביקסן
און ציִען די שווערד.
מערדערישע חיות
זײַ ראַמען אויס פֿון דער ערד.

מײַן ייִנגל שרײַבט: „מאַמע,
ס׳איז אַן אַרבעט אַ שווערע,
דאָך
פֿון רו ווער וויל וויסן
ביז ס׳קומט ניט די ענדע״.

טו איך אָן אַ שמייכל
אויפֿן פּנים דעם בלאַסן,
דעם ווייטיק פֿאַרשלאָסן
הינטער טירן צען,
אַ ציקל אַ ריינעם,
אויפֿן קישן דעם נאַסן.
טו איך אָן באַגינען עס זאָל קיינער ניט זען.

די טרערן וואָס שטראָמען
דורך נעכט פֿון די אויגן,
די פּײַנען וואָס דריקן
דאָס עלנטע האַרץ;
די שרעקן געמישט מיטן זיכערן גלויבן,
מיר ווען אויסמעקן די מאַכט וואָס איז שוואַרץ.